# ר׳ שלמה חיים דער א״ש

**קטלא קניא**

**אלה** תולדות ר׳ שלמה חיים דער א״ש, זאָגט רש״י, ללמדך שעיקר תולדותיהם של צדיקים מעשים טובים.

לאָמיך אייך פאָרשטעלן שלמה חיים דער א״ש. ולמה נקרא שמו א״ש? נישט ווייל ער האָט געדאַוונט מיר אַ פייער, כאַטש דאָס אויך, און אויך נישט ווייל ער האָט אַלעס געמאַכט פאַר אַש און פאָרעך, צו וואָס ער איז אויך געווען מסוגל. אַז ר׳ שמעון בן יוחאי האָט געמעגט, פאַרוואָס נישט שלמה חיים? נאָר נישט פאַר דעם האָט מען אים אַזוי באַטיטלט, און זיכער נישט ווייל ער האָט געהייסן אייזנשטאַט און מען האָט פון דעם געמאַכט אַ ראשי־תיבות. ווען ס׳איז אַ ראשי תיבות פון זיין פאַמיליע נאָמען וואָלט דאָך זיין נאָמען נישט געהאַט קיין אַרטיקל ״דער״, און מען וואָלט אים גערופן פשוט, שלמה חיים א״ש. איז לאָמיך אייך דערציילן און אַזוי אַרום ווערט איר זיך באַקענטיגן מיט אונזער שלמה חיים.

א״ש איז ראשי תיבות איבער־שפרייטער, אָדער סופער־ספרעדער בלע״ז. כלומר, דאָס מיינט אַזאַ יאַט וואָס קען קוים זיך רירן ד׳ אמות אָן איינער זאָל חושש זיין אַז ער גייט אים אָנשטעקן. פאַרשטייט זיך אַז ס׳איז שטאַרק מעגליך אַז שלמה חיים איז אַליין נישט אָנגעשטעקט, אָדער ווי ער זאָגט אַליין, ״האָסט נישט וואָס מורא צו האָבן, איך האָב עס שוין געהאַט. אַנטיבאַדיז? כפליים כיוצאי מצרים״.

נאָר אפילו ווען ער האָט עס נאָכנישט געהאַט, און אין אמת׳ן געזאָגט, אפילו בשעת מעשה ביים האָבן, האָט שלמה חיים אויך נישט משנה געווען זיין סדר היום. מען וואָלט געקענט זאָגן אויף זיין הספד, כמעשהו בחול כך מעשהו בקאָוויד, נאָר צו מזל איז ער ברוך השם בין החיים. ער איז איבערגעצייגט אַז טאַקע דערפאַר וואָס ער האָט זיך נישט גערירט קיין קוצו של יו״ד פון דער התנהגות פון אַן אמת׳ן איד, אָנגעהויבן מיט אַ מקווה פאַרן נץ, אַ קאַוועו, אַ שחרית, ווידער אַ קאַווע, אַ שיעור, און ביינאַכט מנחה מעריב און נאָך אַ שיעור, אין דעם זכות האָט ער עס איבערגעלעבט בשלום. וויפל אַנדערע ער האָט אָנגעשטעקט און וואָס פון זיי איז געוואָרן, דאָס איז שוין חקירה. תמים תהיה עם ה׳ אלקיך ואין לנו עסק בנסתרות.

אין אמת׳ן, איך האָב שלמה חיימ׳ן גערופן אַ יאַט, און דאָס איז נישט אַ גלייכער זאַך. שלמה חיים, איז גאַנץ אַ שיינער איד, חשוב׳ע מחותנים, מען זעט אָפט זיין נאָמען אונטערגעשריבן אויף אַ קבלת פנים, אַ דינער, און היינט־צוטאָגס אַ טשאַרידי קאַמפּעין. נישט ממש אַ מאַטשער ווייל קיין נגיד איז ער נישט, אָבער קיין אָרעמאַן אויך נישט. אַזאַ חסיד׳ישער סאָרט בעל־הבית וואָס באַקומט פון די ערשטע הקפות, אַ שיר היחוד, אַ יום־טוב׳דיגער מוסף. בקיצור, נישט איינעם מיט וועמען מען שפילט זיך. נאָר אַן איבער־שפרייטער קען ער ווייטער זיין און מה ענין שמיטה אצל מגיפה? און טאַקע אַז איך זאָל נישט הייסן אַ מוציא שם רע, פיל איך אַ חוב אַלס והייתם נקיים דורכצושמועסן די ענינים.

איז אַזוי. אַז ר' שלמה חיים – איך האָב מיך מיישב געווען אַז ס'איז נישט קיין דרך ארץ אים סתם צו רופן שלמה חיים, און אים קומט זיכער אַ ר'. טאַקע דער טיטל פון דער מעשה האָט שוין דערין אַ ר' ע"ש סופו, ווי רש"י זאָגט אויף באר שבע און נחל אשכול און פאַרשטייט זיך אַליין.

אין ארץ ישראל וואָלט ר' שלמה חיים אָן קיין ספק געווען הרב, איבערהויפט אַז ס'איז אים געלונגען אָנצושטעקן אַ פּאָר זיידעס. פאַרוואָס דען נישט? אַ מסירת נפש פון אַזאַ רציחה'לע לשם שמים קומט זעלטן אונטער און מצווה הבאה לידך אל תחמיצנה. וואַרט ביז מאָרגן, און אַ צווייטער קען אייך נאָך אויסכאַפּן. נאָר ברוך השם דער שגעון פון יעדן באַטיטלען "הרב" איז דערווייל צו אונז נאָך נישט אָנגעקומען, כאָטש פאַרדינט האָט ער עס זיכער.

גייען מיר אַ גאַנג. אַז ר' שלמה חיים איז ווייטער געגאַנגען צו אַ קידוש, אַ זכר, אַ וואָרט, אַ תנאים, אַ חתונה, אַ ברית, אַ פדיון הבן איז דאָך אַ מלתא דפשיטותא. אַז אליהו הנביא קומט צו אַ ברית, איז די מגיפה שוין ממילא נישט דאָרט. פנחס זה אליהו, און ביי פנחס שטייט דאָך ולא כליתי את בני ישראל. למעשה שטייט דאָרט אויך, ויהיו המתים במגיפה ארבעה ועשרים אלף, נאָר ס'איז דאָ אַ חילוק. דער כלל איז, אַז דאָס וואָס איז באַשערט איז באַשערט, און אַז ס'איז אַ גזירה מן השמים דאַרף מען ענטפערן יהא שמיה רבא בכל כוחו און מקבל זיין באהבה. נישט זיך אָנטון פורימ'דיג.

צוליב דעם אָבער בלייבט ר' שלמה חיים אַ פשוט'ער שפרייטער, און ס'קומט אים נאָכנישט דער כבוד פון אַן איבער־שפרייטער. ווייל לאָמיר זיך נישט נאַרן, וואָס איז ער דען אַנדערש פון אַזויפיל אַנדערע ערליכע אידן וואָס זענען אויך נהנה מסעודת חתן וכלה, באַגלייטן מתים, טרייסטן אבילים און אַז מצוה גוררת מצוה, גייען זיי אויף נאָך לוויות און נאָך שבעה'ס? אַז דער אבי יתומים שעפּט נחת שטעלט ער פון זיי צו וואָס מער.

קיין גאַנצער מזיד איז ר' שלמה חיים אויך נישט געווען. סוף סוף, אין סומכין על הנס. למשל, ער האָט קיינמאָל נישט אַרויסגעזאָגט "קאָראָנע" אָדער "קאָוויד" פון מויל. כאָטש ס'איז איבערגעטריבן און גוזמאות וואָס די שונאי ישראל האָבן אָנגעדרייט צו שליסן שולען און נישט לאָזן קינדער גיין אין חדר, האָט ר' שלמה חיים דאָך געהאַלטן אַז אל תפתח פה לשטן און מיט דעם באַנדיט, דער סטרא אחרא, איז בעסער נישט אָנצוהייבן. מען דאַרף אויך מאַכן אַ השתדלות.

ממילא אים צו באַטיטלען אַן איבער־שפרייטער, מוז זיין עפּעס מער. עפּעס אַ סאָרט הידור מצווה וואָס אפילו די וואָס אַנטלויפן פון אַ מאַסקע ווי פון אַ מגיפה זענען דאָס נישט מקיים. און צו דעם איז כדאי צו כאַפּן אַ בליק אויף ר' שלמה חיים אָדער אפילו אים צו באַגריסן און אים עפּעס פרעגן. ווייל אין אמת'ן איז ר' שלמה חיים נישט נאָר אַן איבער־שפרייטער נאָר אויך אַ חסיד־שפרייטער. און וואָס איז דאָס פאַר אַ מעשה, אַ חסיד־שפרייטער? פרעגט איר אוודאי. איז טו לאָמיך אייך מסביר זיין.

## ר׳ שלמה חיים דער א״ש

איר האָט אוודאי שוין געהערט פון דעם נייעם טערמין פון ״מאַנשפרייטן״ (מאַנספרעדינג בלע״ז). טאָמער נישט געב איך אייך שוין צו פאַרשטיין.

עס זענען דאָ אַזוינע מענער וואָס ווען זיי זעצן זיך אַנידער, לאָמיר זאָגן אויפן סאָבוועי, שפרייטן זיי זיך אויס די פיס לכאן ולכאן, אַזוי בעל־הבית׳יש, מימיני מיכאל, ומשמאלי גבריאל, און אינדערמיט איז בעסער אַז מען קוקט נישט. און דאָס האָט מען היינט אַ נאָמען געגעבן, ״מאַנספרעדינג״.

ביי אונז חסידים איז דאָס טאַקע ווייניגער שכיח. ווען אונז פאָרן אויף אַ באַן אָדער אַ באָס זיצן מיר אַזוי גלות׳דיג, מ׳איז חושד אַז אפשר וועט אַ פרוי זיך זעצן דערנעבן, אָדער אפשר אַ ווער־ווייסט, און מ׳דאַרף זיך אויך אַן עצה געבן מיטן רעקל. ווייטער צווישן זיך, פאַרברענגען מיר כמעט נאָר מיט אַנדערע מענער און דאָרט קען יעדער זיין דער זעלבער שפרייטער. צוליב צניעות האָבן מיר אויך ענינים וויאַזוי מיר האַלטן די פיס וואָס ס׳איז שווער מאריך צו זיין אין דעם, והיבין מבין.

משא״כ חסיד־שפרייטן, דאָס איז דאָך ממש מעשים בכל יום.

קומט צו גיין אַ איד אין בית מדרש, אַזא תוכו כברו׳דיגער סאָרט, און די ערשטע זאַך מוז ער אָפּ׳פטר׳ן זיין אויפגעשוואָלענעם טלית בייטל, אָנגעבלאָזן מיט צוויי פאָר תפילין, יעדע איינע אין איר אייגענעם זעקל, אַ געדעכטער טלית מיט אַ וואָכעדיגער עטרה און זיין שחרית׳דיגן גאַרטל. דאָרט האַלט ער אויף אַ סידור מיט כוונות און פירושים, דריי חודשים פון ר׳ מיילעכ׳ס באַבע מעשיות און אַפּאָר וואָכן פון ר׳ אביגדור מילער׳ס השקפות, מער פאַר דער בני בית נאָר ער פאַרגעסט עס איר איבערצוגעבן און זי בעט עס אים קיינמאָל נישט.

אָט אַזאַ טלית־בייטל איז קובע מקום לעצמו און ס׳קומט זיך פאַר דעם זיכער אַ חשוב׳ער פלאַץ, און אַז ס׳ווערט ווינטער גייט אונזער פריינד אפשר אויך אָנגעטון אין אַ מאַנטל. אָדער אייגנטליך, אפשר נישט. ביי אונז מוז זיין אַכצן גראַד איידער מען באַפּעלצט זיך. אָבער ווען ער גייט יאָ אַ מאַנטל, דאַרף דאָך דער מאַנטל אויך אַ פלאַץ.

ס׳מעג זיין אינדרויסן הונדערט העקעלך אויף אויפצוהענגען מאַנטלען, קומט אָבער דער חסיד־שפרייטער אַריין אין שול אין אַ מאַנטל, וואַרפט ער עס באַלד איבערן טיש. אַז ער׳ז אַן איידעלערער סאָרט, לייגט ער עס בלויז אויפן באַנק. צוויי זיצן האָט ער זיך שוין אָבער פאַרדינט. און אַז ס׳רעגנט אינדרויסן קומט דאָך זיין שורעם אויך אַ זיץ. וואו דען? אין פּאָליש אַז מען זאָל עס אים צונעמען, אָדער ס׳זאָל זיך אויסמישן מיט נאָך הונדערט שוואַרצע שירעמס, אָדער ער זאָל עס פאַרגעסן? לעבן זיך איז עס דער מערסטער פאַרזיכערט, און אַז ס׳טראָפּט, וועט זיך עס אויסטריקענען.

איצט אַז מען האָט קונה שביתה געווען אויף צוויי און אפשר אפילו דריי זיצן, קען מען שוין גיין מאַכן אַ קאַווע. אידישע קינדער זענען ביישנים רחמנים און גומלי חסדים, שארית ישראל לא יעשו עוולה, און קיינער וועט נישט

באַברען. פאַר אַזאַ טלית בייטל האָט מען דרך ארץ און ווער ווייסט צי ס׳קען נישט שאַטן אַ קפידא. ווייטער דער מאַנטל, ווער וויל זיך דערנענטרן דערצו?

אַז ער האָט אויסגעטרונקן זיין קאַווע נאָך אָנפּאַקן אַלע ספרים ביים אַנדערן עק טיש און אַזוי באַזעצט נאָך אַ זיץ, מוז ער זיך ספּראַווען מיט זיין ווינקל וואָס איז געוואָרן אַביסל פאַרקלעפּט פון אַ קאַווע אָנגעפּולט בשפע ווי ביי הבדלה. רוקט דער חסיד־שפרייטער זיין טלית בייטל אַביסל אַריינצו און ער האָט סיי צובאַקומען נאָך אַ פּלאַץ און סיי איז ער פאַרזיכערט אַז דער אינזל פּלאַץ בלייבט זיינער. קיינער וועט זיך נישט זעצן לעבן אַ שטיקל אויסגענאָגטע איינגעטונקענע ברוינע צוקער.

אַלזאָ נאָך אַזאַ קאַווע, מעיין׳דיג אין אַ חסיד׳יש ספר אָדער מיטכאַפּנדיג מיטן דף, איז חתן דינן גרייט צו גיין אויף הכנות. וואַרפט ער אַראָפּ זיין קאַפּעליטש אויפן טיש אָדער אויף נאָך אַ זיץ און הרחיבי מקום אהלך. נישט אומזיסט רופט מען אַ פּלאַץ אין שול אַ ״שטאָט״ אַז ס׳פאַרנעמט אַ בית כור.

קומט ער צוריק טשעפּטשניג אשר יצר און נאָך ברכי נפשי און אַ כשם אני מתכסה, שמייסט ער צוריק זיין טלית. ער דאַרף נישט קוקן ווער ס׳געפינט זיך אַרום אים ווייל ער האָט שוין אַלעס מפנה געווען פון זיינע ד׳ אמות. און טאָמער נישט, איז דער שמייס חביבות המצווה. מיט דער אָ ליבשאַפט ציט ער אַרויס זיין תפילין בייטל און ס׳איז גאָר מעגליך אַז צו דעם באַדאַרפט ער זיך אין נאָך אַ זיץ. אָט דאָס איז פשט אַ חסיד־שפרייטער, נאָר אויף אַן איידעלן חסיד׳ישן אופן אָן חלילה אפילו אַ חשש פון גילוי עריות.

האַלטן מיר דאָך אָבער מיט ר׳ שלמה חיים דער א״ש. אַז ס׳איז דאָ אַ מגיפה אין שטאָט, נישט ביי אונז פאַרשטייט זיך ווייל הנה לא ינום ולא ישן שומר ישראל, אָבער עכ״פ אַז די גוים זאָגן אַזוי, יענע סאָרט אידן און אויך אַ פּאָר מוסרים און מה יפית׳ניקעס, איז בעידנא דריתחא איז ביי ר׳ שלמה חיים דאָ אַ ברען. ויתחזק דוד בה׳ אלוקיו. ער שאָקלט זיך נישט נאָר אויף אַהין און צוריק, נאָר אויך לצדדין, און אַזוי איז ער משפיע אויף אַלע פיר רוחות, און בזכות דעם קענען מיר גיין צו די אַלדע רוחות.

אַז ר׳ שלמה חיים כאַפּט אַ ברען, כאַפּט דער ברען אַ שפּאַציר. זאָל זיין ביי דער שירה, אָדער אינדערוואָכן אַריינצולייגן מטבעות אין דער פושקע ביי ואתה מושל בכל, ר׳ שלמה חיים איז אויף גאָרנישט מוותר. מגיפה אַרויף, מגיפה אַראָפּ, מנהג ישראל בלייבט מנהג. שומר מצווה לא ידע דבר רע, און אידן וואָס זיצן אויפן שטראָז פון זיין שפּרייז ביז דער פושקע און פון דער פושקע האבן נישט וואס מורא צו האבן. האומר סלע זו לצדקה בשביל שיחיה בני הרי זה צדיק גמור, און אַ צדיק גמור הרג׳עט נישט קיין מענטשן.

מאַכט זיך אָבער אַז ס׳קומט שבת וועון ר׳ שלמה חיים וואַרפט זיך ביי נשמת און ס׳כאַפּט אים אָן אַ באַדערפעניש צו דערלאַנגען אַ ניס. זיינע נאָזלעכער פאַרברייטערן זיך, זיינע אויגן פאַרקלענערן זיך, דורך דער נאָז אָטעמט ער אַריין קורצע קליינע אָטעמס, און פון זיין מויל קומען קוים אַרויס די ווערטער פון נשמת. זיינע הענט פאָכן ״וידינו פרושות כנשרי שמים״ און ער קען ניטאַמאָל צודעקן זיין מויל מיט זיין טלית. מיטאַמאָל גיט זיך זיין גאַנצער

קערפער אַ הייב און ער דערלאַנגט אַ ניס אַזש כל עצמותי תאמרנה. אַ פּאַרפּלייצונג שיסט פון אים אַרויס, און אידן וואָס האַלטן נאָך ביי דער שירה שפּירן זיך בתוך הים ביבשה. און פון ר' שלמה חיים אַליין הערט זיך אַן "אַאַאַאַאַ" וואָס לאָזט זיך אוין אין, "עַד הנה עזרונו רחמיך..." האָט איר אַ ניס פון אַן איבער־שפּרייטער. אָבער זאָרגט אייך נישט. שלוחי מצווה אינן ניזוקין און די פּחדנים מעגן בלייבן אינדערהיים.

נו, נאָך אַזאַ ניס וואָס עליונים ששו ותחתונים עלזו מוז מען דאָך גיין אויפזוכן אַ טישו. זעט ר' חיים שלמה פונדערווייטנס אַ פּושקע טישוס און גייט אַהין מיט אַ זריזות איידער די נאָז עקספּלאָדירט ביי אים נאָכאַמאָל. בטעות רוף איך אים חיים שלמה ווען ער הייסט למעשה שלמה חיים און גלייבט מיר ס'ליגט עפּעס דערין. אַזאַ פּרווידישע גליטש רופט מען דאָס.

חיים שלמה זאָגט מען ביי אונז "כאַם שלוימע", און ביים "כאַם" מאַכט זיך אויף דער מויל בלויז אַביסל און ממילא שפּריצן נישט אַרויס צופיל טראָפּלעך. טאָמער אָבער הייסט מען שלמה חיים, מוז מען זאָגן שלמה "כאַיִים", און צו דעם דאַרף מען סיי מער אויפמאַכן דאָס מויל און סיי אויך צולייגן ביים סוף אַ טראַף (סילאַבעל בלע"ז) פון "יִם", און דאָס איז גורם אַז נאָכמער טראָפּלעך צושפּרייטן זיך. און אַזוי איז טאַקע ווען מען פרעגט ביי ר' שלמה חיים, "וויאַזוי הייסט איר?", ווען מען וויל אים אויפרופן צום ספר, און ער ענטפערט אין פּרצוף "שלמה כאַיִים". נאַר איינער, אַז דו ווילסט נישט מ'זאָל דיר אַריינרעדן אין פּנים אַריין, וואָס פרעגסטו?

שטייט ר' שלמה חיים ביים טישו פּושקע, שלעפּט אַרויס איין טישו, און נאָך אַ טישו און אַ דריטס, און אומר ועושה. אינמיטן נשמת, גיט ער אַ בלאָז אַ רוח ונשמה שנפחת באפינו, און נאָך איינס, ער כאַפּט אַריין נאָך אַ פּאָר ווערטער דאָרט וואו ער האַלט, אַ תקיעה צו מזרח, אַ תרועה צו מערב, איז בודק די מלאכים היוצאים מן הקשר"ק, שלעפּט אַרויס אַ חומש וואָס ליגט אונטער אַ סידור, נאָך אַ בלאָז פאַר קינוח סעודה, און לאָזט אויס, "שוועת עניים אתה תשמע..."

דערנעבן זיצט זיך איינער פון די קטני אמונה, ער בייגט זיך נעבעך אַהין און אַהער, דעקט זיך צו מיטן טלית, גליטשט זיך אַראָפּ אויפן בענקל און שווערט זיך אַז מען איז אים דאָ מחייב ד' מיתות בית דין. דערווייל קוקט זיך ר' שלמה חיים אום וואָס צו טון מיט טישו, ויפן כה וכה וירא כי אין איש, ויטמנהו בחול. דאָרט הינטער וואו דער סרח העודף פון דעם טישטוך באַהאַלט וואָס טוט זיך אונטערן טיש, שם תהא קבורתכם.

פאַרשטייט זיך אַז ביים קידוש נאָכן דאַווענען בלייבט ר' שלמה חיים נישט שולדיג. ער ברעכט אָפּ אַ שטיקל לעקעך אויף קידוש במקום סעודה, טינקט איין זיין אייערקיכל אינעם הערינג, אַביסל ציבעלעס אויך, און "דערלאַנג מיר נאָר דאָרט דער סעלצער". ער איז דאָך נישט מחוייב צו הונגערן און אַז מען לייגט אַראָפּ אַזאַ דאַווענען דאַרף דאָך זיין מתן שכרו בצידו. וקראת לשבת עונג איז אויך אַ פּסוק.

נאָר איין עצה. אַז איר האָט עפּעס צו זאָגן צו ר׳ שלמה חיים׳ן, באַגעגניגט אייך מיט אַ ״גוט שבת״ פונדערווייטנס און לויפט באַלד ווייטער. אַז ער קומט אייך אַנטקעגן, גייט צוריק עושה שלום, דרייט אייך אויס בואי בשלום, מאַכט אַ ויברח, אָבער ווערט נעלם. גלייבט מיר אויפן וואָרט אַז איר ווילט ביי ר׳ שלמה חיים נישט פועל׳ן. איר שטעקט אים אויס אַ האַנט צו זאָגן, ״קומט נישט אַזוי נאָנט,״ צעשמייכלט ער זיך, ״אוודאי, אוודאי״. נאָר ביז אַ האַלבער מינוט איז ער אַזוי אויפגעלעבט פון וואָס ער האָט צו זאָגן אַז ער טרעט אייך שוין ווייטער אויף די פיס. איר שטעלט אייך צו דער זייט און ער וויל דווקא אין פרצוף. איר גייט שנעל, יאָגט ער זיך צו. איר דרייט זיך, דרייט ער זיך מיט. און אַז ער געט אַ היס און איר פרעגט אים צי ער האָט ״עס״, לאַכט ער שוין ווייטער. ״האָב נישט אַזויפיל מורא״. ער איז מסביר, אַז שפּיטעלער הרג׳ענען, מאַסקעס זענען אַ בלבול, דער עולם האָט אַנטיבאַדיס, זקינים לעבן עס אויך איבער, פּאָליטיקאַנטן זענען אַנטיסעמיטן, און אַקיצור ס׳איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבן. איז פּאָלגט מיר בחרם, זייט מיט אַלעם מסכים, ווערט אָבער פון דאָרט נעלם.

רבותי, פּאַרפּאַלן. ר׳ שלמה חיים איז אַן איבער־שפּרייטער און ס׳וועט אייך גאָרנישט העלפן.

@katlekanye